ד. ס'איז דאך אויך רגיל צו אפלערנען א פירוש רש"י, איז אין אונזער פרשה דא א רש"י תמוה, וואס קיינער שטעלט זיך ניט אפ אויף אים, און מלמדים גייען דאס דורך אזוי ווי אויף וואסער, אעפ"י אז עד איז בלא קושיות כרמון.

וואס דאס איז אין קאפיטל א' פסוק ט"ו, אויף "ונמצה דמו", וואס רש"י איז מעתיק די ווערטער ונמצה דמו און איז מפרש: "לשון מיץ אפים, כי אפס המץ, כובש בית השחיטה על קיר המזבח והדם מתמצה ויורד".

וואס אויף דעם פירוש רש"י שטעלט זיך ניט אפ קיינער פון די מפרשים כנ"ל. ס'איז מערניט וואס כ'שטערט זיך אפ אויף א צאהית דיקן ענין - פארוואס איז רש"י מדייק "כובש בית השחיטה" - דוקא פונעם ראש, און ניט פון גאנצן גוף - עפ"י הלכה איז דאך ניט אזוי, נאר פון כל הגוף. דער אמת איז אבער אז דאס איז ניט קיין קושיא, ווארום ווי גערעדט כמ"פ, אז רש"י איז ניט קיין פוסק - ער שרייבט מערניט וואס עס קומט אויס עפ"י פשש"כ, און עפ"י פשש"מ קומט אויס אז מ'רעדט דא נאר וועגן דעם ראש, ווארום אין פסוק שטייט דאך "את ראשו", ווי כ'זעט אז שפעטער זאגט דאך רש"י (ד"ה ומלק) אז ס'איז געווען די הקרבת הראש לחוד והגוף לחוד, דערפאר זאגט ער אויך דא כובש בית השחיטה - דעם ראש דוקא, אבער דערפון קען מען ניט ארויסלערנען קיינע ענינים עפ"י ההלכה.

פון דעם פירוש רש"י זעט מען אויך דעם כלל המדובר כמ"פ. אז רש"י איז מעתיק אמאל בפנים פירושו תיבות פון פסוק, נאר דער בחור הזעצער האט זיך אויף דעם ניט געכאפט, און דערפאר האט ער דאס אפגעדרוקט ביט אותיות כל רש"י. וואס אזוי איז אויך ברש"י דידן, אז די ווערטער "על קיר המזבח" וואס אין פירוש רש"י איז רש"י מעתיק פון פנים הכתוב.

וואס דערביט וועט מען אויך פארשטיין פארוואס איז רש"י מעתיק פריער אויך דעם ווארט "דמו", דלכאורה איז דאך רש"י'ס פירוש בלויז אויף'ן ווארט ונמצה. נאר דאס ווערט מובן עפ"י הנ"ל: רש"י איז מעתיק ווערטער פון פנים הכתוב, און שטעלט אריין צווישן זיי תיבות פון ביאור, אדער פון קשר הענינים. וואס דערפאר איז רש"י מעתיק "ונמצה דמו" - איז מפרש אז ונמצה איז מלשון מיץ אפים און כי אפס המץ - איז מוסיף די ווערטער כובש בית השחיטה כאילו ס'וואלט געשטאנען אין פסוק, און ברייינגט ווייטער לשון הפסוק - על קיר המזבח, און איז מסיים, והדם מתמצה ויורד.

ס'איז אבער ניט פארשטאנדיק:

א) פארוואס דארף רש"י אנקומען צו צוויי ראיות אויף'ן פירוש פון ונמצה - סיי פון מיץ אפים, און סיי פון כי אפס המץ. ובפרט אז ס'איז דאך דא כער עדטער וואו עס ברייינגט זיך אראפ דער ווארט "מיץ", איז פארוואס ברייינגט ער צוויי ראיות?

- ב) פארוואס

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 600 הודפס ע"י אוצר החכמה

ב) פארוואס איז רש"י מוסיף אויך דעם ווארט "ויורד"; וואס איז דא נוגע צו דער דם איז יורד צי ער איז עולה. נאכמער: בשעת דער בן חמש למקרא בעט בא זיין מלמד ער זאל נאכקוקן וואו איז רש"י'ס מקור, זאגט ער אים אז דער מקור איז אין גמ' (זבחים סד, ב ואילך) און אין תו"כ (עה"פ), און ווען ער קוקט אריין דארטן זעט ער אז דארט שטייט טאקע ניט דער ווארט "ויורד". און בכלל איז ניט פארשטאנדיק וואס באווארענט דא רש"י; ס'איז דאך א טבע אין אלע ענינים שבעולם אז זיי זיינען יורד מלמעלה למטה – איז וואס איז דא דער אויפטו פון דעם דם אז ער איז "יורד"?

ג) דערנאך זאגט דער בן חמש למקרא: לאמיר א קוק טאן אין דעם פסוק וואס רש"י ברייינגט אויף מסביר זיין דעם ווארט ונמצה – מיץ אפים, זעט ער אז דאס איז גאר א פסוק אין משלי (ל, לג). אין דעם פסוק שטייט אבער דריי מאל דער ווארט מיץ: "כי מיץ חלב יוציא חמאה מיץ אף יוציא דם מיץ אפים יוציא ריב". ווערט דאך גלייך א פלא: פארוואס לאזט רש"י דורך די ערשטע צוויי מאל וואס עס שטייט דער ווארט מיץ, מיץ חלב און מיץ אף, און ברייינגט דוקא דעם דריטן מאל, מיץ אפים?

ד) אז ער קוקט אריין וואס רש"י זאגט אין משלי (שם) זעהט ער אז רש"י ברייינגט דארטן א הוכחה פון שופטים (ו. לח), וואס דארטן שטייט בנוגע צו גדעון אז "וידר את הגזה ויכץ טל מן הגזה מלוא הספל מים". ווערט דאך די שאלה נאך שטארקער: וואס דארף דא רש"י ברייינגען א ראי' פון משלי וואס דארטן אליין איז זיין פי' געגרונדעט אויף א פסוק אין שופטים, ער האט דאך געקענט ברייינגען די הוכחה פון שופטים וואס (א) שטייט פריער פון משלי; (ב) דארטן איז קלארער די הוכחה וואס איז דער טייטש פון דעם ווארט ונמצה, ווי מ'זעט דאס פון די רש"י אין משלי גופא?

ה) דערנאך זאגט ער: נו, לאמיר יעצט זען פון וואנענט ברייינגט רש"י זיין צווייטע הוכחה – כי אפס המץ. זאגט מען אים אז דאס איז א פסוק אין ישעי' (טז, ה). פרעגט ער: ישעי' קומט דאך פאר משלי – אזוי האט אים דער מלמד דערציילט – איז פארוואס איז רש"י משנה דעם סדר, און ברייינגט פריער די ראי' פון משלי, און ערשט דערנאך פון ישעי'?

און נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן. וכמדובר כמ"פ אז רש"י האט געשריבן זיין פירוש אין אן אופן אז דער בן חמש קען אים גלייך פארשטיין און דארף צו קיינעם ניט אנקומען, און אפי' ניט צו א פארברייינגען שבת פ' זכור תשל"ו.

ז. בנוגע דעם ביאור אין פירש"י, וואס שלא כדעה הטועים אז אין רש"י איז ניט יעדער ווארט מדוייק, און רש"י איז ניט קיין פוסק און כביכול - ניט געשריבן געווארן פאר גדולי ישראל וכו' - אבער בנדון דידן איז דאך זיכער אז רש"י מיינט דא עפעס א דיוק מיוחד, דערמיט וואס ער היפט איבער די ערשטע צוויי מאל וואס ס'שטייט אין'ם זעלבען פסוק דער ווארט מיץ, און ברייגגט דוקא דעם דריטן מאל, און אויך, וואס ער ברייגגט די ראי' פון משלי פאר די ראי' פון ישעי'. וואס דער ביאור בזה:

רש"י וויל דא ארויסבדייגגען אז ונמצה מיינט - כובש בית השחיטה אז ער זאל דאס אויסקוועטשען, און אויף דעם ברייגגט רש"י די ראי' דוקא פון מיץ אפים, ווארום: דעם ערשטען מאל שטייט דאך אין פסוק מיץ חלב, וואס דארטן קען מען ניט טייטשן אז דאס מיינט קוועטשן, ווארום דער אויספיר איז - יוציא חמאה, און אז מ'וועט פרעגן ביי א מענטש וואס האט א "דיירי פארם", וועט ער זאגען אז אויב מ'וועט קוועטשן מילך פון אינדערפרי ביז ביינאכט, וועט פון דעם קיין פוטער ניט ארויסקומען. און כדי צו מאכן פון מילך - פוטער דארף מען שאקלען און קלאפן די מילך וכו', און דערפולט ווערט פוטער (וואס דערפאר הייסט דאך דאס אויף ענגליש "באטטער" מלשון קלאפן); עד"ז בנוגע צו מיץ אף יוציא דם, מיינט דאך דאס ניט אן ענין פון קוועטשן, ווארום דורך קוועטשן דעם נאז קומט דאך ניט ארויס קיין בלוט,

[אז מ'וויל קען מען דאס אויספרואוון, אז דורך קוועטשן דעם נאז גייט ניט קיין בלוט, זאל מען דאס פרואוון נאך הבדלה, ווארום שבת איז דאך דא א שאלה פון צובע - בשעת ער ווישט אפ די בלוט מיט א טיכל אדער מיט א פאפיר],

אלא מאי, דער פשט איז אז דורך דעם וואס מ'כאפט א קלאפ אין נאז קען גייען בלוט, קען דאך רש"י דערפון ניט ברייגגען קיין הוכחה אהערצו, ווייל דורך קלאפן דעם בית השחיטה וועט קיין בלוט ניט גייען נאר מ'מוז קוועטשן.

און דערפאר ברייגגט רש"י די הוכחה פון מיץ אפים יוציא ריב, וואס אפים איז דער ענין פון כעס, אין דער פשט פון פסוק איז, אז דורך דעם וואס ער קוועטשט דעם כעס, אין ער נודזשעט אים, און עד וויל דערפון ארויסקריגן עפעס בנוגע לפועל, ווערט דער ענין פון כעס.

די הוכחה איז אבער ניט גענוג, ווארום דאס איז דאך אן ענין פון קוועטשן ברוחניות, ווארום כעס איז דאך אן ענין פון א מצב הרוח. מ'געפינט אבער ניט קיין לשון פון מיץ בא א דבר גשמי. און אויף דעם ברייגגט רש"י די ראי' פון כי אפס המץ, וואס דארטן רעדט זיך וועגן מעלקן חלב פון א בהמה, וואס איז כדי ארויסקריגן הלב פון די בהמה, איז דאך דאס דורך קוועטשן.

אויף דעם ווערט אבער צוריק א שאלה בא דעם בן חמש למקרא: צוליב וואס דארף רש"י בדייגגען ביידע הוכחות, עד קען דאך ברייגגען גלייך די הוכחה פון כי אפס המץ, ובפרט אז דאס איז א פסוק אין ישעי' וואס איז פאר משלי, וכנ"ל (בהקושיות)?

- איז -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 608 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז דער ביאור בזה: רש"י קען ניט ברייננגען קיין הוכחה פונעם פסוק כי אפס המץ אויף ונמצה דמו, ווארום עפ"י כללי הדקדוק, איז אויב דא זאגט מען ונמצה, דארף דארטן שטיין כי אפס הכצה, מיט א ה"א ביים סוף. וואס דערפאר וואלט מען געלערנט אז דאס זיינען צוויי באזונדערע שרשים. און דערפאר ברייננגט רש"י פריער די הוכחה פון מיץ, וואס דאס איז דער שם דבר פון דעם עניין, ובמילא איז אין דער פעולה שייך צו זאגן ונמצה. וויבאלד אבער אז דארטן איז דאס א פעולה רוחנית ברייננגט רש"י א הוכחה אויך פון כי אפס המץ. און די קושיא הנ"ל (פארוואס איז דארטן ניטא קיין ה"א בסוף התיבה) איז ניט שווער ווארום לשיטת רש"י איז פאראן שרשים אויך פון צוויי אותיות (ניט כשיטת הרלב"ם), וואס בנדו"ד זיינען דאס די אותיות: "מץ", וואס זיי זיינען דא בכל המקומות, הן אין ישעי', און הן דא וכו' (קטע זה אינו ברור).

עס בלייבט נאך אבער שווער פארוואס ברייננגט ניט רש"י קיין הוכחה פון שופטים, איז דער ביאור אין דעם:

אין שופטים (שם) שטייט "ויזר את הגזה וימץ טל מן הגזה מלוא הספל מים", און רש"י טייטשט אז ויזר איז אן עניין של מכבש - קוועטשן, וואס דערפון איז מובן אז "וימץ" מיינט א צווייטע פעולה נאכן קוועטשן בכדי ס'זאל ווערן א ספל מים, וואס דערפאר קען מען ניט ברייננגען קיין ראי' פון דארטן אהער, ווײלע דא שטייט דאך מערניט ווי איין מאל - ונמצה. און דאס וואס דא שטייט ניט ויזר, איז וויבאלד אז דא האט געדארפט זיין די תוצאה, ווי רש"י פירט אויס - והדם מתמצה ויורד, עס מוז זיין א פעולה פון ויורד, ע"ד ווי דארטן האט געדארפט זיין א ספל מים, דערפאר שטייט טאקע - ונמצה.

און דאס וואס אין משלי ברייננגט רש"י יע די ראי' פון שופטים, איז ווײלע דארטן איז רש"י מפרש דעם פירוש הכללי פון אלע דריי מאל וואס עס שטייט דער ווארט מיץ, און דערפאר זוכט ער דעם צד השוה שביניהם, וואס פון זיי אלע קומט ארויס אן עניין. און דערפאר ברייננגט ער די הוכחה פון שופטים, וואס דארטן איז דאך דער טייטש פון וימץ, אז ס'איז ארויסגעקומען א ספל מים, ס'איז אבער ניט נוגע אין וואס פאר אן אופן איז דאס געווען, משא"כ דא איז נוגע דוקא דער עניין פון קוועטשן.

דאס גופא דארף מען דאך אבער אויך פארשטיין, פארוואס איז רש"י מוסיף דעם ווארט "ויורד", וכנ"ל?

נאר דערמיט איז רש"י אויסן צו מבאר זיין א תמיהה וואס ווערט דא בא דעם בן חמש למקרא.

דער בן חמש למקרא האט דאך געלערנט לפני"ז כמה עניינים אין קרבנות, סיי פריער אין ויקרא, און סיי אין תצוה ווענן די קרבנות המילואים, ווייסט ער דאך אז אין קרבנות זיינען פאראן דריי עניינים: שחיטה, הקטרה און הזאה - זריקת הדם. בשעת ס'קומט צו עולה העוף, איז פריער שטייט ומלק - וואס דאס איז אן עניין פון שחיטה, דערנאך שטייט דער עניין פון הקטרה, אבער דעם עניין פון זריקה געפינט ער ניט.

אויף דעם זאגט אים רש"י, אז ס'איז דא אויך פאראן דער עניין פון הזאה, ווארום דער ונמצה דמו איז געווען אין אן אופן אז דער דם איז מתמצה ויורד - וואס דאס איז דאך אחד מאופני ההזאה אז מ'איז שופך דעם דם אין יסוד המזבח וכו'.

אין דעם רש"י איז דאך אויך פאראן "יינה של תורה" - א הוראה בעבודת האדם, אבער אזוי ווי מ'איז דאך רגיל צו מקרים זיין מיט א

- ניגון -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 609 הודפס ע"י אוצר החכמה

ניגון, זיינען דאך דא די אנשי צרפת, איז זאלן זיי זינגען דעם ניגון "האדרה והאמונה", און דערנאך וועט מען מבאר זיין די פנימיות של תורה.

(ניגנו הניגון "האדרה והאמונה").

ז. די פנימיות של תורה אין דעם פירוש רש"י איז: דער ענין פון קרבנות איז דאך דא בעבודה בנפש האדם, וואס דער ענין פון קרבנות איז. אז מ'איז מקריב דעם חלב ודם ע"ג המזבח. ד.ה. אז דעם תענוג (חלב) און דעם קאך (דם), איז מען מקריב צום אויבערשטן.

און אין דעם ענין פון קרבנות ווייסן מיר דאך אז דאס איז אן ענין פון כפרה, ואפי' קרבן עולה איז דאך אויך א ריצוי אויף עשה. און א לאו הניתק לעשה. און די קרבנות דארפן זיין פון טהור, זכר און א תמים וכו'. אעפ"י אז דער וואס ברענגט דעם קרבן - ברענגט ער דאס אויף אן ענין של חטא וכו'. און דער ענין פון קרבנות איז דאך קירוב הכחות וההושים. וכמבואר אין רמב"ן (עה"פ א, ט) ובכ"מ. אז ער דארף זיך מצייר זיין כאילו מ'איז אים אליין מקריב, ס'איז בלויז א חסד פון דעם אויבערשטן וואס מ'איז אים מחליף אויף א בהמה וכו'.

און אין קרבנות בכלל איז דא כמה אופנים: ס'איז דא א קרבן עולה וואס ער איז כולו לה'. און אויך דערמו"ט זאגט מען אז דער אפר ודשן דארף מען ארויסנעמען מחוץ למחנה וכו' אין ס'איז דא א קרבן וואס איז חציו לה' וחציו לכם וכו'.

און אויף דעם זאגט רש"י אז דאס איז אן ענין פון מין אפים. וואס אפים איז אן ענין פון כעס, וואס כל הכועס כאילו עובד ע"ז (ראה זה"ג קעט, א), און ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין אגה"ק (סי' כה) אז וויבאלד אז ער ווייסט אז דאס וואס ער האט געהאט א געוויסן עונש, איז דאס ווייל עס קומט אים, האט ער ניט וואס צו זיין אין כעס אויף'ן צווייטן. וואָרום ס'איז דאך אין יסורים בלא עון. און הרבה שלוחים למקום וכו'. כמבואר באריכה באגה"ק הנ"ל. איז דער מין אפים. די תוצאה פון כעס איז, יוציא ריב, וואס אין דערויף קען אבער זיין צוויי פירושים: א ריב מיט'ן אויבערשטן, כאילו עובד ע"ז: אדער א ריב מיטן יצה"ר. אז ער צוקריגט זיך מיטן יצה"ר פארוואס ווארפט ער אין אים אריין א מחשבה פון כעס - וואס דערפאר שטייט אפים לשון רבים כפירש"י (במדבר יד. יח) לצדיקים ולרשעים.

דערנאך ווערט אבער די שאלה למה עשה ה' ככה, צוליב וואס דארף מען אנקומען צום גאנצן ענין, און דאס איז די זעלבע שאלה וואס איז די מעלה פון קרבנות אז ער טוט אן ענין בלתי רצוי און דערנאך איז מען מכפר וכו', וואס אויף דעם ענטפערט רש"י כי אפס המץ, אז דאס ווערט אן ענין של הלב, וואס דאס איז דאך פון די ענינים שנשתבחה בהם א"י, זבת חלב ודבש, און ווי עס שטייט דבש והלב תחת לשונך - וואס דאס איז אן ענין פון אתהפכא, וואָרום, אויף הלב איז דאך דא א קס"ד אין גמ' (בכורות ו, ב) אז דאס זאל זיין אסור משום אבר מן החי, און ס'איז דא דער מאמר הז"ל (שם) דם נעכר ונעשה הלב, און נאך א גאנצע שקו"ט איז מען דאס מתיר, וואס דאס איז אן ענין פון אתהפכא, אז מ'נעמט א זאך וואס ס'איז דא אויף איר א קס"ד אין תורת אמת אז די איז אסור און מ'איז דאס מתיר. און ווי ער זאגט אין תניא (פכ"ז) אויף'ן פסוק וגם רשע ליום רע (משלי טז, ד), אז דער תכלית פון דעם רשע איז אז מ'איז מהפך דעם רע אויף יום, וואס דאס איז אן ענין של גילוי.

- און -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 610 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דורך דעם איז מען זוכה צו יבנה ביהמ"ק במקומו, וואס דעמולט וועט דאך זיין ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו, אין אן אופן פון כמצוות רצונך, כמבואר די מעלה בדבר (המשך וככה פי"ז ואילך), ובעגלא דידן.

אחרי תפלת מנחה התחיל לנגן עוצו עצה ותופר.

* * *

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 611 הודפס ע"י אוצר החכמה